ירושלים עיר הקודש

נאך האלבער נאכט עפנט זיך אויף מיין הארץ,
א שמוק־קעסטעלע מיט סאמעט אויסגעבעט,
און פאר מיינע אויגן גאלדן צעגלאנצט
קיילעכדיקער קופאל, שלאנקער מינארעט;
ס'מינדסטע פענסטערל פון פינסטערסטער שול –
צעפונקלטער דימענט, געשליפן צעגלעט.

נעם איך'ס ארויס פון סאמעט קעסטעלע
און שטעל'ס באזאכט אויף מיין האנט מיר ארויף,
מיין פינסטערע שטוב א פולע מיט ליכט
און מיין געעפנט הארץ אפער אין־סוף;
יעדן באגין פארשליסט די זון דערין
איר גאלדענעם קופאל, איידער זי גייט אויף.

א דערשראקענער קעמל־קאראוואן,
א צעקלונגענער מיט גלעקלעך און מיט גלעק,
פארגייט עס אין טיפעניש פון מיין הארץ,
באלאדן מיט בשמים און ווירצן־געפעק,
נאך איידער פונם מינארעט אראפ
ס'שרייט אויס דער מועזין זיין תפילה־געוועק.

ליג איך א גאנצן טאג שטיל פאר מיין הארץ,
פעסט צו באהיטן א פארשלאסענעם סוד,
פון מיינע אויגן ארויס שלאגט זיך אפ
צו די קלויסטער־שפיצן א צעבליצטער שפאט:
צוזאם מיט מיין הארץ נאר ארויסרייסן
ירושלים די הייליקע שטאט – – –

אויפציענדיקער פרוכת ־ חצות־שעה!
און פאר אפענעם ארון־קודש איך טרעט:
א כתר מיט גין־גאלדענע גלעקלעך
אין ירושלים די שטאט פון די שטעט;
און יעדעס פענסטערל ־ א נר־תמיד,
צאנקט אין דער נאכט אריין מיט שטילן געבעט.

־0־0־0־0־0־0־0־

דער שארית־הפליטים הורא־טאנץ
אין ירושלים

האבן אונזערע טאטעס די פידלען
אויפגעהאנגען ביי די בבל־טייכן ־
אויפגעפלאצטע, צעריסענע סטרונעס,
הענגענדיקע ווערבע־צווייגן גלייכן ־

האבן מיר זיך געסטראיעטע סטרונעס
געצויגן די תליהשע הייכן;
פעטליע אזוי לאנג ארום האלז געשטייפט
דעם ריינעם קלאנג צוריק צו דערגרייכן.

אלע געוויינען דעמאלט וואס זיינען
און פון ליידן ס'שרעקלעכסטע דערפילן,
אז וואס ווייאיקער, וואס טיפער די וואונד,
אלץ טיפער פון די פידלען דאס שפילן,

די גאנצע וועלט אצינד אלע מענטשן
דעם הורא־טאנץ וועלן מיר אויפשפילן ־ ־
אז טרייסלען ס'וועט די ערד אונטער די פיס,
און דאס בלוט פון די שונאים ־ פארקילן!

און וועט די רעכטע האנט פון צופיל טאנץ
ווערן פארמאטערט און אפגענומען,
איז לייב אין לייב פארנויקלט, פארפלאכטן
ווי ז'גאז־קאמערן ארומגענומען.

אז מיר אליין זיינען די באס־פידלען
און פעטליע־שטריק, סטראינדיק צו ברומען,
אונזער תליה־צונגען טרוקענע,
פון זינגען צוגעקלעפטע צום גומען.

/און ס'פלאצן נישט די סטרונעס – די שונאים!/
איז טאנצן ביז משיח וועט קומען,
א הורא איבער גאנצן ערד־קיילעך,
מיט אלע מענטשן ארומגענומען.

!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

אין דיין יעטועדן אות...

ס'האט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט
ביז פון זיין ליבשאפט צו דיר ער איז אויסגעגאנגען;
לבנהש־צצאצלעפצט וואנדלעריש מיט טעלערל פון הימל
א וואונדערלעכע מתנה דיך צו דערלאנגען,
ס'איז דער אר"י הקדוש, מיט הענט צעפלאכטענע,
שכינה קיגנגעגאנגען מיט כלה־געזאנגען.

צו חצות נאך האלבער נאכט אין שפעטער פינסטערניש
מיין טאטע, מיין ברודער נאך, אויפגעשטאנען זיינען
הימלען איינצוריסן – הערצער זייערע –
מיט ביטערע "הבט משמים"־געוויינען;
אין זייער שרעק – אין זייער קדושה־בענקענישן –
צו דערבליקן כאטש אן אפשיין פון דיינע שיינען.

און איך פארדורשטיקט, פארטרוקנט, אויסגעלאשן,
טיף פארזונקען שוין אין די פינסטערע תהומען,
איינגעביסן כ'האב מיך אין דיין יעטוועדן אות
מיט פארהאקטע ציין שוין אין גסיסה־שוימען - -
און פון מינדסט פינטעלע פון דיין קוצו־של־יוד
אנגעטרונקען מיט זאפט־קערנדל פון מילגרוימען -

צעוויקלטע הימלען אומענדלעך **88** אין־סופיק,
צווישן פאלמען־געשארך און טרויבן־בערג־ציג־צאגן,
א יריעה מיט אותיות פול באשריבן -
די שטערן זייגען די קריינדעלעך איבער די תגין!
אנצוטרינקען זיך מיט דיין יעדן אות - א כוס,
פול מיט מילגרוימען־זאפט פון קערעלעך תרי"ג'ן - -

- -

ס'האט רב יהודה הלוי דיין שטויב געקושט
ביז אויף דיין ערד געבליבן ליגן ר'איז א טויטער - -
מיט ציין אצינד ן'דיין יעדן שטיין איינגעביסן,
מויער צו ווערן פון שטאט צוריק־אויפגעבויטער - -
א, ס'ליד הלוי'ס אייניקלעך צו באזינגען,
וועלכעס הארץ איצט אזוי ריין, אזוי הייליק לויטער - - -

דדדדדדדדדדדדדדדדדדד

פאר דער כותל־מערבי

עפנט זיך אויף מיין הארץ, א הייל אין דער פינסטערער נאכט,
ירושלים, דיין הערלעכקייט צו באקוקן
און פאר יעדן פון דיינע הייליקע געשטאלטן
מיך צו פארנייגן אצינד און טיף מיך צו בוקן.

איך בין קיינמאל נישט געווען אין דיר, נישט געזען דיך,
אבער אויפן כותל געלעגן מיט מיין שטערן
א גליאיק־הייסן ווי דיין זון, ירושלים,
יעדן שטיין באגאסן מיט זיד פון מיינע טרערן —

איינס בין איך געווען מיט זיי ווען מאמע האט געליי'נט
פון חנהן מיט אירע קינדער, מיט אירע זיבן — — —
ווי זי וועט זיך פון דיין מויער ארונטערווארפן,
דאס נאר צו זען נאך בלויז בין איך איבערגעבליבן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בלינד ציטערן הענט, טאפנדיק ביי קאלטן געשטיין,
הערצער אויפגעשוידערטע אין טויזנטער שרעקן!
אראפגעפאלענע — — ארונטערגעווארפענע — —
גאנצע ערד מיט זייערע בלוטן באפלעקן —

יא, אלע מענטשן צו באפרייען, צו דערלייזן
מיט זייערע טרערן, מיט זייערע געבעטן — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עפנט זיך אויף מיין הארץ, א הייל אין פינסטערער נאכט,
זיינע פינסטערנישן אלץ טיפער צו באטרעטן —

אן אוצר א טייערער, א גאר זעלטענער,
פאר פרעמדע בליקן אונטער א שטיין באהאלטן,
אזוי דו אונטערן כותל, ירושלים,
מיט דיין הערלעכקייט, מיט דיינע טויזנט געשטאלטן.

ירמיהו

ווען דו, ירמיהו, האסט דיין איכה געשריבן
געוועזן זיינען דעמלט ליכטיקע ציטן;
אין ריטם פון קלינגענדיקע שקלאפן־קייטן
האסטו פון דיין הארץ די פייער־פונקען געריבן.

ארום וועלכע מיר האבן זיך צוזאמענגעקליבן
אין פינסטערניש – ארום צעצונדענע שייטן;
משיח איז געקומען אויף זיין פערד צו רייטן
פון בייטש־געקנאל, וואס האט אין גלות אונז געטריבן!

אצינד זיינען רינגעלעך רויך פון אונז געבליבן,
וואס קייטלען זיך אויף אין ליידיק־לעערע ווייטן – –
קיין קלאנג מער, קיין הויך, קיינעם שוין צו באגלייטן –

אחוץ דאס ביסעלע אש אויף שטויבלעך צעריבן,
אויף זיין קאפ איצט אבלותדיק אויסצושפרייטן,
גאט, כביכול, געוואלט האט עס צוגרייטן – – –

גאט כביכול

פונם כסא־הכבוד שטול איז גאט אראפ,
אויפן פוס־בענקעלע זיך אנידערגעזעצט,
פון טויזנט שטורעמווינטן איז זיין געמיט געהעצט,
פון ווילדע בליצן – זיין אייגעבויגענער קאפ.

ווען פון זיינע אויגן גאר אן איינציקער טראפ
א נישט־איינגעהאלטענער אראפ פאלט פלוצלינג יעצט,
און דאס פנים פון דער ערד זיינע א טרער באנעצט –
א מבול פארגיסט וועלט גאנצע און מעקט זי אפ.

זיצט גאט אויף פוס־בענקעלע פארשטיינערט שטילן,
געהילט אין טלית־ן־תפילין פון פינסטערסטן לייד,
און דאס ביסעלע אש אויף זיין קאפ אויסגעשפרייט –

איבער געשריפטס פון א לעצט־געבליבענעם ווילן!־
זאפט אריין אין זיך זיין צער און זיין ווײ־געשריי:
"אל הורית לנו לאמר שלוש עשרה" – –

ארץ־ישראל ערד

זשארנעס ארץ־ישראל זאמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האט געלייגט צוקאפנס פון מיין טאטן,
טראג איך אין מיין הארץ־טארבעלע צעריסענעם,
וואס איך האלט אין פארצערעווען און פארלאטן.

די פארלוירענע זעמדלעך אויפן וועג צומאל
זיינען געצויגענער שליאד מיך נישט צו פארלירן;
און מיינע טרערן, די זשארנע זעמדלעך אין טוי,
אויפגייענדיקע, צעצווייגטע, בוימער־שפאלירן.

רויט־קאלירטע קאראלן־שטאמען גייען אויף
אין גלייזוער פון פארגאסענעם בלוט, גאנצע ימען,
זשארנעס ארץ־ישראל זעמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האט געלייגט צוקאפנס פון מיין מאמען.

א, מיין שוועסטער, נישט ארץ־ישראל קערנדלעך –
ציאן־קאלי אין גאז־קאמער געטון איר שטן!
שטייט זי מיר צוקאפנס אן אויפגעגאנגענע
מיט יעדן בעז־בוים אין פרילינג וואס שטייט אין בליטן.

איז נישט נאר מיין הארץ־טארבעלע מיין צעריסנס
האלט איך יעצט אין פארצערעווען, פארשטריקן,
נאר יעטוועדער בליענדיקער בוים — א רויך־זייל
ברענט טרערן מיר אויס אין מיינע גליאיקע בליקן.

און וועלן די לעצטע זשארגעס ארויספאלן
און נישט בלייבן ס'וועט מער צוקאפנס מיר צו לייגן,
וועל איך זיין א לעצט־געטראפענער פון א בליץ,
אן אונטערגעהאקטער שטאם מיט פארוועלקטע צווייגן.

די ווידוי גדולה

מתוודה צו זיין אויף זיין גרויסער זינד
לייגט גאט ארויף די הענט אויף אונזער קאפ,
אחת ואחת, אחת ושתים — — —
א טרער פון זיין אויג פאלט די זון אראפ.

ווי פינסטער ס'ווערט דאס אין א וועלט אזא,
אז גאט אליין שוין מוז מתוודה זיין,
ס'לעשן זיך די לבנה, די שטערן
פונם שוידער פון גאטס שרעקלעך געוויין.

געשחטן ליגט דאס ווייסע ציגעלע,
אין אלע עקן וועלט ס'בלוט געשפרענגט,
אחת ושלוש, אחת וארבע — — —
און רויט נאך אלץ דער "חוט השני" הענגט.

א, גאנצע וועלט שוין א פארוויקלטע
אין דעם פארבלוטיקטן "חוט השני"־דרים!
אחת וחמש — ואחת ושש — — —
טיף אויף זיין פנים פאלט גאט אלקים:

אחת ושבע - - איז זעקס מיליאן ווייניק?
וואסער בראנדאפער, ווי געוואלטיק גרויס!
א, דער אויפגייענדיקער דאמף און רויך
פונם ציגעלע פון "ואחרי מות" -

מתוודה צו זיין ווידער אויף דער זינד
שטרעקט גאט אויסעט די הענט אין ווילדער שרעק - -
זיך אליין, כביכול, חלילה,
אראפצושליידערן אין אלדי העק - - - -

ארץ־ישראל חלה־טישטיכל

ס'האט טרויעריק די מערב־וואנט אראפגעקוקט
איבער בײשטידל אונזערן איבער שמאלן,
דערפאר שבת אויפן חלה־טישטיכל
איז גאנץ ארץ־ישראל געווען אויסגעמאלן.

רחלס קבר, די מערת־המכפילה,
די מלאכים ווען מאמע שרהן זיי בענטשן;
די אדלערס און לייבן פון בײדע זייטן
ממש אויסגעזען ווי לעבעדיקע מענטשן.

א גאנצע וואך איז אונזער גאקעטער טיש
א האלב־באדעקטער בלויז מיט טישטוך געווען,
זשגאמזשענדיק דעם בײסן ברויט - פון טיש אראפ
דעם "על נהרות" מיט ליפן גאר געלעזן.

חרובדיק די מערב־וואנט אראפגעקוקט
איבער בײשטידל אונזערן איבער שמאלן,
אבער ווי רחבֿותדיק ס'גאנצע בית־מקדש
פון חלה־טישטיכל ארץ־ישראלן.

און ווען שבת־פארנאכט שאטנס טונקעלע
האבן דאס שטיבל אונזער געטון איינהילן,
ס'האט דעם "גאט פון אברהם" מיין פרומע מאמע
געגומען זאגן מיט א ניגון א שטילן – –

יא, אויף א פערד א ווייסן, אן ארעמען,
איז טאקע משיח אנגעקומען צו רייטן,
אבער פון ביידע זייטן פון טישטיכל אראפ
אדלערס אן לייבן געטון אים באגלייטן.

די דרויסנדיקע דריי ליכטיקע שטערן
איבער ירושלים זיינען געשטאנען!
פונם חלה־טישטיכל פון געמאלטן
אויף הימל ארויף זיינען זיי אויפגעגאנגען.

פונקט ווי פרייטאג־צו־נאכטס די צוויי מלאכים
טאטן אין שטוב אריין האבן געטון באגלייטן,
ווען מאמע צווישן די געצונדענע ליכט
ס'טישטיכל אויף די חלות געטון פארשפרייטן.

ס'האט טרויעריק די מערב־וואנט אראפגעקוקט
איבער ביישטידל אונזערן, איבער שמאלן,
דערפאר שבת אויפן חלה־טישטיכל
איז גאנץ ארץ־ישראל געווען אויסגעמאלן.

צצצצצצצצצצצצצצצצצצ

א יהודה־הלוי פראגמענט

דאס שטראלן־פארזילבערטע, זוניקע אנדאלוזיען,
פון דעם איינציקן ווארט שוין דער קלאנג,
ס׳איז פון הימלישע וועלטן דער כאר געווען,
מלאכיש פליגל־געציטער באגלייט פון געזאנג.

אנדאלוזיען, מיט דיין זינגענדיקייט דיין שיינענדיקער,
מיט שטראלן האסטו געצויגן מיין הארץ צו דיר!
נישט נאר די שיינקייט פון דיינע פעלזיקע פלוינען,
פון דעם איין־איינציקן ווארט ס׳איז אויסגעגאנגען שיר.

אנדאלוזיען, ווי גלעקלעך־באהאנגענע סטאדעס שאף,
וואס לאזן זיך אראפ פון דיינע בערג צום טאל,
אזוי־א האט דאס ווארט געקלונגען אין מיין אויער,
אנדאלוזיען, אזוי ביסטו געווען מיר אמאל.

אלע מיינע ווערטער, אלע מיינע געדאנקען,
א שייד זיי זיינען געווען צום קלאנג פון דיין ווארט,
אזוי האב איך געמיינט, אזוי־א געגלויבט ־ ־ ד
אנדאלוזיען, פון אלע ערטער דאס הערלעכסטע ארט.

אזוי האב איך געגלויבט, אזוי־א געמיינט,
און צו דיין יעדן בארג ס׳האט זיך געהויבן מיין געמיט!
מיט ליכט־געציטער פון דיינע צעשאטנטע טאלן,
ס׳איז געווען פארטיפטער דער קלאנג פון מיין ליד.

אלע צילן, אלע געפילן דעמלט, אמאל,
געפלאטער ווי א פאן אויפן שפיץ פון א שווערד!
געלויכטן איבער א לויף א ווילדן, צעהירזשעטן —
א גזשיבע א צעפלאשעטע פון אן אראבישן פערד.

איך האב געמיינט דעם שליף פון דיין שארפן קלונג
אין מיין הארץ צו האלטן ווי אין א זילבערנער שייד,
שענסטע אראבעסקן איינגראווירן דערויף,
אלץ וואס געדאנק אין מיר און אלץ וואס איז רייד –

— —

פון פארגאסן בלוט אבער אומשולדיקן אונזערן
שטייען דיינע בערג אצינד אזוי גליאיק אין דער זון,
און דאס ווארט דאס שטראלנדיקע – אנדאלוזיען –
איך ווייס נישט מער, פארשטיי נישט מער דעם באטייט דערפון.

אלע דיינע שפעלעך ליגן אויסגעקוילעטע,
זייער כארכל-געבעט – פארלאשענער זון-פארגאנג!
און פונם ווארט פונם וואונדערלעכן צעקלונגענעם
אויסגערונען ס'איז זיין זיסער, זוניקער קלאנג.

ס'איז פארלאשן ווי מיין גלויבן צו דיר, ווי מיין פרייד,
ס'ציטערט אויף מיינע ליפן פינסטער און בלינד,
א שטיף-קינד אן אפגעארטס פון א פאלשער מוטער,
אזוי איז מיין הארץ אין מיר צעריסן אצינד.

אבער אז א קינד – מוז דאך זיין א מוטער ערגעץ-וואו?
און ווען זי איז טויט – מוז דאך א קבר ערגעץ זיין!
א, איך וועל פלאפלען איר נאמען מיט לאכן און וויינען,
אראפלייענענדיק אים פון שטומען מצבה-שטיין.

איך וועל אים קושן, מיט מיינע ארעמס ארומהאלזן,
מיינע ליפן צעשעפטשעטע אויפציטערן מיט איר קלאנג;
מיט יעדן אות פון איר נאמען, מיט איר זיסקייט,
ביז מיין הארץ וועט אויסגיין, אים ציען אזוי לאנג –

— —

ירושלים – – אז א שטיף־מאמע א פאלשע
מ׳קאן ליבן אזוי ווי כ׳האב אנדאלוזיען געליבט,
ירושלים, מיין הייליקע דו, דו מיין עכטע,
פארלאזן אזוי און אייביק אזוי באטריבט.

בין איך נאך ווערט אויף ליפן דיין נאמען צו נעמען,
פון אים צו טראכטן נאר בלויז, פארשוויגן, באטריבט און שטום?
ירושלים, אין מיין בלוט צעפלעטשערט, הייליק־ליכטיק,
אויסצוגיסן דיר צופוסנס אין מיין לעצטן פארקום –

— —

שטאמלט א קינד נישט ווערטער אומפארשטענדלעכע,
און ״מאמע, מאמע״ ווען ס׳זעט וואס ס׳איז פאר א פרוי?
אבער תמיד מיינט עס דאך יענע, נאר יענע,
וואס אין אירע ווייען ס׳איז געבוירן זיין ערשטער ״אוי״.

ירושלים, ביסט דאס וויגן־ליד פון מיין הארץ געווען,
וועסט זיין די ווידוי־ווערטער אין מיין לעצטער מינוט!
א, ווי האב איך דיך געקענט פארגעסן, דיך פארטוישן,
אז דיין ווייסטעניש – דער קוואל־געפלעטשער אין מיין בלוט.

ווער בין איך דען און וואס מיין צעקלונגען ווארט אין ליד?
א גלעקל־באהענגט פון דיינע סטאדעס א שאף!
איך טראג נאך אין מיין וואל דאס בלאנקע מעסער נאך,
ווי יענער ערשטער שעפס אויפן וועג צום מוריה ארויף.

ירושלים, דיך כארבעלדיק־שטאמלדיק, דיך פלאפלדיק,
איז גאנצע וועלט מאמעדיקע, טוליעדיקע שנים –
צעליטענע ליבלעכקייט, ליידנדיקע צערטלעכקייט,
שטראלט דיין הייליקער נאמען ליכטיקייטן אויס –

ווי געוואלטיק, ווי גרויס ס'איז דיין בראך, דיין טרויער,
אזוי געוואלטיק, אזוי גרויס די פרייד וואס פון דיר!
איז נישט יעדער צעקלונגטער קלויסטער אויף בערגל און טאל
א גלעקל־באהענגט שפעלע פארבלאנדזשעט פון דיין טיר?

דורך אלע טיפענישן און פינסטערנישן אין מיר
וואנדלענדיק אזוי צו דיר וועלט איין און וועלט אויס – –
ירושלים, דיך כארכעלדיק־שטאמלדיק, דיך פלאפלדיק,
איך ווער הייליק, ווער ליכטיק, א צעקלונגען דיינס אן אות.

אזוי ברייט, אזוי ווייט ווי פון שטאפל צו שטאפל,
ווי אויף יענעם חלום־לייטער אין טרוים געזען!
אזוי ציען זיך דיינע אותיות, ירושלים – –
אזוי אייביק ווייטער צו זיין ווי אייביק ביסט געווען.

ווי שטראלנדיק, ווי זונגיק פון העכסטע בערג אראפ,
ווי טליענדיק־שאטנדיק פון יעדן טאל ארויף,
זילבערדיק־צעשפיגלט מיט ציטער פון יעדן טייכל.
און צום הימל צעשטרעקט מיט תפילהדיקן אין־סוף.

יא, פון הימלישע וועלטן דער כאר אומעטום,
מלאכיש פליגל־געציטער באגלייט פון געזאנג,
און געקלאנג אזוי פון אלע ווערטער אין איינציקן ווארט,
ס'איז דער עכא נאר פון יענעם ערשטן מוריה־גאנג.

היהיהיהיהיהיהיהיהי

רבי דודל לעלעווער

1

ווער האט ר’דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
איינמאל געפרויבט צו זען נאר זיינע אויגן;
דער גאנצער פארדרוס, אלע פארביטערנישן
האבן זיי פון הארצן ארויסגעזויגן.

ווי שפילנדיקע קינדער האבן די בליקן
ארויסגעקוקט פון הינטער זיינע ברעמען,
און האט מען צו זיי דאנקענדיק ארויפגעבליקט,
האבן זיי זיך גאר געטון פארשעמען.

און א גאנצן טאג געהאט האט ער וואס צו טון:
דא עמער־וואסער פערד אונטערצוטראגן,
דא א שכיב־מרע, אין די לעצטע מינוטן,
א שטיקל ”מעביר יבוק” — אונטערצוזאגן.

אין בית־מדרש, אויפן מארק, אויפן בית־חיים,
און וואו האט מען אים נישט געטראפן?
ארויסקומענדיק פון שטעטל אויף דער לאנקע,
זיינען אים לאשעקלעך נאכגעלאפן.

א פריילעכער מיטגעהירזשעט האט ער מיט זיי,
ווי דעם ”ברוך שמו” מיט די חדר־קינדער!
דערזעענדיק אים, אינמיטן זייער געשלעג,
צעקושט זיך דער שבת־גוי מיטן שינדער.

יא, בעסטע פריינט זיינען געווארן צווישן זיך
דער קצב מיטן מרוק דעם מנקר!
און ביי יעטוועדן ארעמען חולה אין שטוב
איז ער אי דער רופא אי דער מבקר.

אז א פסוק תהלים לייגט זיך אים אויף דער צונג,
שטילט עס דאס הארץ ווי א קינד ביים אפזויגן;
פונקט ווי די ציענדיקע "ד" פון אחד,
גאנצע מעת־לעתן וואלט ער אים געצויגן.

ווען נישט דער צערוישטער מארק, וואס רייסט אים איבער,
מיט פארדארשטיקטע פערד, מיט פארזארגטע יידן,
און מיט באגעגענישן מיט אליהון
ווען ער דרייט זיך ארום אויף די ירידן —

2

איבער הארבסטיק פארגאסענע תבואה־פעלדער,
איבער טייכן פון ווינטן צעאקערטע,
האבן אים געצויגן פארפיר־ליכטלעך ווייטע —
שווארצע אפלען רויכיקע, צעפלאקערטע — —

די צוויי גליאיקע מענטשלעך וואס אין זיי
זיינען גרויס פאר זיינע אויגן געשטאנען
ביז זיי האבן אים אין דער מיטן גענומען
און געשפאנט מיט קפיצת־הדרך שפאנען.

מיט איין שמע־ישראל פון לעלעוו ביז לובלין
ווי אויף פלינקע אדלער־פליגל געפלויגן!
נאך איידער ער האט מיטן ד' פון אחד
פעסט צוזאמענגעקוועטשט זיינע צוויי אויגן — — —

"ווילסט זיך רק באהאלטן הינטער דיין דודל,
און אויף מיינע פלייצעס אלץ ארויפווארפן!"
האבן אים דורכגעשטאכן דעם חוזהס בליקן —
בלאנק אויסגעשליפענע חלפים־שארפן:

״יא, צער בעלי־חיים איז דאוריתא, דודל,
עלעהיי א פויעריש פערדל אנפויען!
כאטש א פארמאטערטער זיך צעהירזשען פאר גאט
מיטן ״למען תזכרו״ לאנגען ז׳ן.

״כ׳האב געשיקט נאך דיר — ס׳איז אויף הימל א יריד!
נאר א ליידיקער הענגט ״מזל־דלי״עמער — —
דעם לעצטן עוקץ פון מיר שוין אויסגעזויגן,
און דער עולם אלץ: ׳הב־הב — געמער, געמער!׳

״איך קאן נישט מער — שרעקלעכע געשעענישן
צעפלאקערן שוין מיינע לעצטע בליקן,
און פון די רויך־זיילן די אויפגייענדיקע
זע איך די גאנצע וועלט שוין דערשטיקן — — — — — — — — — ״
— —
א, ער וואלט פארברענט געווארן, ר׳דודל,
פונעם חוזהס גליאיקע רחמנות־בליקן,
ווען ער וואלט נישט זיינע מיט ״ד״ פון אחד
געהאלטן זיי אין צוזאמענדריקן.

3

דער סמוטנער וועג פון לובלין צוריק קיין לעלעוו
ער האט זיך לאנג ווי דער גלות געצויגן,
און נישט ווי צוויי שמשים — שטרענגע שומרים
האבן באגלייט אים דעם חוזהס צוויי אויגן.

וואס זיינען ווערטער קעגן צעווינקטע בליקן
ווען פונם קומענדיקן זיי דערציילן — — —
נישט הימל און נישט ערד מער — שארכנדיקע ביימער
ציען זיך וויאנענדיקע ווייטע מיילן.

"גאט," האבן זיינע הענט טרוקן זיך געבראכן
אין אסיען ארפפאלנדיקע צווייגן:
"ווי קאן אלצדינג אויף איינמאל אזוי פרעמד זיין
וואס איז ערשט געווען אזוי נאנט און אייגן?"

ס'האבן אויף ביידע זייטן טראקט די לאשעקלעך
מורא געהאט צו אים נענטער צו קומען,
עפעס האבן אויגן פון אים ארויסגעקוקט,
וואס האבן ביזן ביין אדורכגענומען.

די פאסטובער ביי די פאדעלע־פייערן
אים זעענדיק דאוונען פונדערווייטן
האבן דערשראקענע געצלמט די פנימער
און מיט "פאן יעזוס" געטון אים פארבייטן - - - - - - - -
- -
ווער האט ר'דודלען אין לעלעוו נישט געקענט,
פונם דיין, להבדיל, ביז צום בעדער,
אבער א פרעמדער איז ער צוריקגעקומען,
אז גאנץ שטעטל געגאנגען איז אויף רעדער -

אין די טארג־טעג נישט ארויס ער איז אויפן מארק מער,
נישט פערד פאיען, נישט אליהו באגעגענען,
די שטוב זיינע האט זיך שיער נישט איינגעבראכן
פון פדיונים ביים רבישן געזעגענען - -

"שלום־עליכם, א ייִדן!" "פארט געזונטערהייט!"
מער קיין ווארט האט מען נישט געהערט אים זאגן:
נאר זיינע אויגן, די צעווינקטע מענטשלעך,
העלפן יעדערן די צרות דערטראגן.

נישט ווי אין די ירידן־טעג - ווי אין די יארמערק
איז לעלעוו פול מיט אנגעלאפענע יידן;
פון אלע עקן וועלט קומט מען אומעטיק אן,
און מען פארט אוועק האפערדיק צופרידן.

מיט פרנסה, מיט א זיווג פאר א טאכטער,
מיט א רפואה פאר א אלצ חולה־מסוכן - - -
"שלום־עליכם, א ייד!" "פארט געזונטערהייט!"
מען ברויך נאר זיינע אויגן אנצוקוקן.

עפעס ווי צוויי מלאכים, צוויי אפווינשעגדיקע,
"אלדאס גוטס, אלדאס גוטס," ווינקען די אפלען,
אז דאס פארביטערטסטע געמיט, דאס טרויעריקסטע,
פריידיק האפערדיק הויבט אן אויפצוצאפלען.

"שלום־עליכם, א ייד!" "פארט געזונטערהייט!"
הערן נישט אויף זיינע ליפן צו ברומען
ווי א פסוק תהלים אן איינגעחזרט,
ווען דאס הארץ ווערט מיט אים אדורכגענומען.

אויפגעריכט איז געווארן דאס שטעטל לעלעוו,
זיך צעוואקסן ווי א חלה אויף הייוון,
מיט אכסניות, מיט מלינות, מיט בעל־עגלות
און מיט א "הויף" מיט ישובים און מיט קרובים.

נישט ווי פאר א טארג - פאר "קערמיס", להבדיל,
פארעט מען זיך דעם שבת צוצוגרייטן!
עס האט זיך פארמאסטן א שטעטעלע לעלעוו
מיט פוילנס קרוין־שטאט לובלין צו פארבייטן - -

וועגענער געשטאפטע פארן און מיט חסידים,
ווי פליגן פון אלע זייטן זיי העננגען,
און דער חוזה, א פאפרייטער פונם עולם,
ער גרייט זיך שוין צו משיחן צו ברענגען ־

אז ר׳האט אזא דודלען אויפזובן געקענט,
דעם עול־הגלות אים העלפן דערטראגן,
וועט ער נאך זיבער יענעם שם אויסגעפינען,
משיח זאל קומען ־ בלויז אים ארויסצוזאגן ־ ־ ־ ־ ־ ־ ־ ־ ־

— —

5

ס׳האט דער חוזה מיט זיין הייליקער חבריא
משיחן פארן "קץ" נישט ברענגען קענען,
זיינען זיינע צוויי פלאקער־אויגן פאר דער צייט
פארלאשן געווארן מיטן אין ברענען.

די חבריא זיינע אין אלע פיר ווינטן
א צעפלאשעטע און ווי רויך צעטריבן,
אין ר׳דודלס אויגן, מיט אחד פארקוועטשטע,
איז דער פלאם אויף א רגע נאך פארבליבן.

נאר ווען ער איז צוגעקומען צום "תזכרו"
און געצויגן דעם ז׳ן דעם געדריטן,
האט ער מיטאמאל די אויגן אויפגעריסן:
נישטא די צוויי וואס פלעגן אים באגלייטן!

נישטא די שומרים, וואס זאלן מער באהיטן,
די צוויי מלאכים "אלדאס גוטס" צו בענטשן!
און דרויסן פאר זיין חדר "אפצופערטיקן",
ווארטן אויף זיין שלום טויזנטער מענטשן ־ ־ ־

א פארדארשטיקטער לאשיק מיטן געהירזשע,
און עמער וואסער מ׳ברענגט אים צו טראגן,
האט ר׳דודל איבערגעריסן פלוצלינג
אינמיטן פון "למען תזכרו" זאגן.

א שרעק האט ארומגענומען דאס "שלום־חדר",
די שטילקייט האט מיט זעענישן געשראקן — —
"נסתלק געווארן!" האט ער זיך צעשריגן,
שטייענדיק אויף דער שוועל אין בלויזע זאקן.

"אנטלויפט וואו די אויגן וועלן אייך נאר־טראגן,
איך קאן אייך שוין קיין "שלום"מער נישט געבן!
אז דער חוזה מלובלין נישט געקענט פועלן,
וועלן מיר קיין גוטס דא נישט מער דערלעבן — — —

"אנטלויפט, יידן! פארט געזונטערהייט" — דעם ז׳ן
פונקט ווי פון "למען תזכרו" געזעגנט — — —
לעשנדיקע גלאזוניעס שטיקנדיק אין רויכן,
אין טרערן זיינע פארגאסענע אויגן.

6

אין קרוין־פנילן נוער האט דען לעלעוו נישט געקענט
און ערשט נאכן חוזהס נסתלק ווערן — —
זיין יאמערלעכן: "יידן, פארט געזונטערהייט!"
פון אלע עקן וועלט געקומען הערן.

א גרויל גייט איבערן לייב, הערט מען דאס געשריי,
די האר אויפן קאפ שטעלן זיך קאפויער,
קיין שיך האט ר׳דודל נישט מער אנגעטן,
קלענער און גרויער ווערט ער אין זיין טרויער.

„אז ס'האט דער חוזה מלובלין נישט געהאלפן – –"
גייט ער אין מארק ארום אין בלויזע זאקן,
א ווארע מאכן אים פויערים און באבעס,
די פערד קוקן ארויס צו אים דערשראקן.

און נישט מער ער גיט די האנט ביים שלום־נעמען,
ביים געזעגענען נישט מ'זעט זיינע בליקן,
ער האלט זיי באהאלטן אונטער גרויע ברעמען –
פונקען און אש וואס מ'קאן נישט דערשטיקן.

און ווי „פריער", א גאנצן גייענדיקן טאג,
גייט ער אין די גאסן ארום צעטראגן,
און „פארט געזונטערהייט!" ווי א פסוק תהלים
הערן זיינע ליפן נישט אויף צו זאגן.

און הערט ער וואו נאך האלבער נאכט א פערד וואו הירזשען,
כאפט ער זיך אויף אינמיטן זיין חצות:
„זאלן האבן כוח יידן ארויסצופירן!"
איז וואס פולער דער עמער אנגעגאסן – – – – – – – –
— — — — — — — — — — — — — — — — —
איז דער ייד הקדוש קיין לעלעוו געקומען,
אליהו הנביא באגעגענען,
און דער רבי ר'בונים און דער ווארקער –
דעם עולם מיט יידן געזעגענען – – –

אז אזא שפע גיסט זיך פון פולע עמערס,
זיינען יידישע הערצער פול מיט האפן,
בלויז זיין זון נאר דערזעענדיק איינמאל זיין בליק
איז פלינק קיין ירושלים אנטלאפן.

″שטייט א בוים אינמיטן וועג, שטייט ער איינגעבויגן″,
פון רעגן און ווינט די בלעטער צעשאטן - - -
אין אטיען האט ר'משהלע דער לעלעווער
די ארץ־ישראל ערד הייליק באטראכט.

ווער איז ר'משהלען נישט ארויס באגעגענען,
גאנץ ירושלים געגאנגען אים אנטקייגן!
איז ער געשטאנען און געדאווענט מנחה
אן איינגעהילטער אין געוואלטיקן שווייגן.

אלע הונדערט טויערן פון ″מאה שערים″,
האבן זיך א פראל געטון ברייט און אפן,
אריינגעפירט אין הארץ פון ירושלים
האבן אים פון מירון די למד־וואוון.

און ווען אין דער ″חורבת יהודה החסיד″
אויף זייערע אקסלען אריינגעטראגן,
האט ר'משהלע זיינע אויגן געעפנט -
אויפגייענדיקע, צעפלאמטע פארטאגן - -

יא, דעם אפשיין פונם הוזהם פלאקער־בליקן
האט ר'דודל אים מוסר געווען - - -
שטייען ארום אים די צפתער מקובלים,
די רמזים פון זיי ארויסצולעזן.

א צירוף, אן אות, א רמז, א נקודה -
יעדער לויט זיין יכולת מיטגענומען;
און צוריק אין צפת, אין די היילן פון מירון,
צוזאמענשטעלן דעם שם, משיח זאל קומען - - - - - - -

– –

און די שפע זייט דעמאלט אין ״מאה שערים״,
ממש מיט די פולע עמערס צו שעפן — —
און אונגארן־אשכנזים, פראנקן־סאברעס
ביז ארויף אין דער ניי־שטאט אויף די טרעפן.
צצצ
פון מויל צו מויל, פון אויערן צו אויערן,
איין מעשה האלט מען זיך אין איין דערציילן,
פון עפעס א שטעטל לעלעוו אין קרוין־פוילן,
פון וואו משיח וועט קומען צו איילן.

?!?!?!?!?!?!?!?!?!?

א, איך האב אזויפיל בעוויינט אין יענער נאכט

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
ווייל וואס האב איך מער דען ווי מיינע טרערן?
וואלט איך א ביקס געקאנט האלטן אין מיינע הענט,
כ׳וואלט דעם ״הוירא״ מיטגעטאנצט, נישט אויפצוהערן —
איידער אין גאז־קאמער ווידער ווי שאף צו גיין,
פאלן בעסער מיט געלאדענע געווערן.

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
גייט עס טאקע אצינד שוין מקוים ווערן
אדער האט מען פאר אונז א פאסטקע צוגעגרייט
איצט אונזערע לעצטע דארטן צו פארצערן?
יא, אינם בלוט־באד וואס איר האט צוגעגרייט דארט,
וועט איר אליין דערינען דערטרונקען ווערן.

176/

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
ווייל וואס האב איך מער דען ווי מיינע טרערן?
וואלט איך א ביקס געקאנט האלטן אין מיינע הענט,
כ'וואלט דעם "הוירא" מיטגעטאנצט, נישט אויפצוהערן –
איידער אין גאז־קאמער ווידער ווי שאף צו גיין,
פאלן בעסער מיט געלאדענע געווערן.

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט.
גייט עס טאקע אצינד שוין מקוים ווערן
אדער האט מען פאר אונז א פאסטקע/ צוגעגרייט
איצט אונזערע לעצטע דארטן צו פארצערן?
יא, אים בלוט־באד, וואס איר האט צוגעגרייט, דארט,
וועט איר אליין דערינען דערטרונקען ווערן!

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט
און ווען ס'איז אויפגעגאנגען דער מארגנשטערן,
בין איך צוגעגאנגען צו יענעם שטילן מאן,
וואס האט גענומען די שטילע גאסן קערן,
און נאך שטילער כ'האב גענומען צו אים ריידן:
"דו, ס'קאן דאך יעדער גוי אליהו ווערן.

"זע, איך האב דאך אזויפיל געוויינט אין דער נאכט,
באשפרענקלט כ'האב די גאסן מיט מיינע טרערן,
און קאן מען דען עפעס אנדערש אין אזעלכע טענץ
דא אין די גאסן ווי משיחס טריט דערהערן?
אז מיט אזא פרייד די הערצער פון די קינדער
צו זייערע טאטעס טוען ווידערקערן – –

"זע, איך האב דאך אזויפיל געוויינט אין דער נאכט,
יעדע טאנץ־שפור פול נאך מיט מיינע טרערן;
דו וועסט דאך ניט בײדע זיי פון די גאסן דא
מיט דיין שטייפן בעזעם ווי שטויב זיי פארקערן".
און ווען ר'האט אויפגעהויבן די אויגן צו מיר,
שפעלטלעך שמאלע צוויי אין צעפלאצטע אייל־רערן:

"אזעלכע הויראַ־טענץ אויף די גאסן דא,
אויף לויף־בענדער איבער דרייענדיקע סקווערן,
אין מיטן געיעג פון די מיליאנען רעדער,
צאן אין צאן איינגעביסן זיי מוזן ווערן - -
און דאס שמירנדיקע אייל אויף ראד און רעדל
טריפן אן אויפהער דא די גליאיקסטע טרערן".

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
אז גאט אליין וועט מיך שוין מוזן אצבטעפף דערהערן!
און אויב גערעכטיקייט עס איז דאך פאראנען,
די בערג פון יהודה וועלן זי געבערן - -
די שלעכטיקייטן פונם גאנצן ערד־קיילעך,
א גאלדענער אטאם פול מיט צעשטערן !!

א, איך האב אזויפיל געוויינט אין יענער נאכט,
ווייל וואס האב איך מער דען ווי מיינע טרערן? - - - - - - - -

178/

ווי איבער מיין אבציק יאריקער מאמען

ווי איבער מיין אבציק יאריקער מאמען
אין דער היים אונטער דער געטא־מויער,
מיין הארץ עס האט אויפגעציטערט כסדר
צווישן שטאלץ און געוואלטיקן טרויער;

אזוי ציטערט מיין הארץ איצט יעדע רגע
איבער דעם וואס ס'געשעט אינם ישוב,
איבער דער שטאלצער כותל־מערבי וואנט,
מיט איר אבציק דורותדיקן כישוף –

גייען מיין מאמעס אור־אייניקלעך איצט דארט
צווייגלעך אין הייליקער ערד פארפלאנצן?
אדער ווי גרוי מיט מאך באוואקסענע וואנט
מיט איר שורש אויסרייסן אינגאנצן?

א, וואס ווייס איך פון שטאלץ און פון פארפלאנצן,
אז מיין הארץ צאפלט אין שרעקלעכן טרויער!
מיין גרויל־געבויגענער, שווערער קאפ – א שטיין,
ארויסגעפאלן פון געטא־מויער.

!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

ירושלים

1

וואו אהין מיר זיינען געגאנגען,
מיר האבן דיך מיט אונז מיטגענומען,
און היים איז געווארן אומעטום,
וואו אהין מיר זיינען אנגעקומען.

מיר האבן אויפגעהויבן די אויגן —
איבער אונז איז דיין הימל געוועזן!
שטויב בלויז אונטער פיס ווערט די ערד
ווען הויך אין די שטערן מען קען לעזן.

אין געוויין פון אונזערע הערצער,
ווי וואונדערלעך ביסטו אויפגעגאנגען;
אין טיפסטן טרויער ביסט געווארן
די פרייד פון אונזערע געזאנגען.

געיאמער צוקאפנס פון די קברים
און געזאנג צופוסנס פונם וויגל;
דיך אויפצובויען, אונזער לעבן,
דאס ליים געטראגן פאר דיינע ציגל.

ווי געוואלטיק און ווי וואונדערלעך
דו וועסט דאס אזוי אויפגעבויט ווערן;
אין הארצן דיך אזוי טראגנדיק,
ווען צוריק מיר וועלן ווידערקערן.

פון די ווייטסטע און וויסטסטע וועגן
אהיים צוריק מיר וועלן דיך ברענגען;
אונזער הארץ - גאלד-געשטיקטער מזרח! -
אויף הר-המוריה אויפצוהענגען.

2

ווער לייגט דען צו זיין קאפ צו דיין הארץ אצינד
און ווערט פארשטיינערט אין זיין שטיל-שווייגן,
איז וויאזוי קאנסטו אויפגעבויט ווערן,
אז גאנץ צום הימל ארויף זאלסט שטייגן?

ווייל נאך נישט אלע אונזערע שטעטלעך
פארזאמלט צווישן דיינע מויערן,
שטייט דערפאר די כותל-מערבי נאך אלץ
אן אלמנה געהילט אין טרויערן.

מיין שטעטלע, ווי קליין דו ביסט געווען,
אזוי גרויס מיין הארץ גאנץ אויסצופולן!
ביסט אהערגעקומען מיט אלע יידן
אויף רעדעלע-פארנדיקע שולן - - -

פול-געפאקטע, ברענענדיק אויפגעגאנגען,
ווי אויף אדלער-פליגל ווילד געטראגן!
מיין פארטיליקט שטעטל, ווער האט ווערטער
דיך צו באזינגען, דיך צו באקלאגן?

מיין ווייענדיקער, מיין זינגענדיקער טראט,
ווען ירושלימס ערד כ'האב געטרעטן - -
איך גיי צום טאטנס הויז פון מיין געליבטער,
וואס האט מיך צום ערשטן מאל פארבעטן.

און ביי יעדן פענסטער כ׳האב מיך אפגעשטעלט:
אט־א דא איז מיין וויגל געשטאנען,
און מיין מאמע זיצט נאך אלץ — — איז זי נישט
צו תחית־המתים אויפגעשטאנען? — — —

3

ווידערקול פון וויסטע, טיפע טאלן,
ליכטיק דערקייקלט צום שפיץ־בארג ארויף,
עבאט צום העכסטן ארט - שלשלת־ווארט,
טונקלער סוד עפנט זיך שטראלנדיק אויף.

מיט די פאלדן פון מוח פעסטצוהאלטן,
טיף צו באהאלטן אין א שפאלט פון הארץ
פארוויקלט, פארהילט און שטיל פארהוילן -
א קינד זיך באהאלט הינטער מאמעס שארץ.

א כישוף־שפרוך, א פארמול, א פאראל?
ירושלים, דו ביסט דאס געבעט —
שטילער שטאמל אויף תפילהדיקער ליפ,
ווען פנים־אל־פנים מענטש פאר גאט טרעט.

ציהופים־ציטער אין פארצערטן הארץ,
אויפגעצילעוועט אויף שניירל געוויין;
אין טיפסטן טרויער עס אויסגעבויערט,
גאט אליין נאר זאל עס קאנען פארשטיין —

א ציטער־הארפע, וואס באגלייט א ליד,
נאך איידער ס׳הערט זיך דאס ווארט פון געזאנג,
אזוי ציען זיך די אותיות לאנג,
גלייך שאריען שלייערס פאר זון־אויפגאנג —

י־ר־ו־ש־ל־י־ם, שטראלן־ספיראלן
מיט דיין יעדן אות וויקלסט דיך ארויס,
אין אונזערע הערצער צונויפגעשטעלט
א ווארט ווי די גאנצע וועלט אזוי גרויס.

רינגל איך גאנצע־טעג ארום די שטאט ירושלים

רינגל איך גאנצע־טעג ארום די שטאט ירושלים
און אין די נעכט, פולע מיט לבנה און שטערן,
אויף די דעכער איך קריך, אויף די בערג די העכסטע איך קלעטער,
פון דער כותל־מערבי כאטש א ווינקלשטיין צו דערבליקן,
א געבראכענעם שטראל כאטש — אין מיינע טרערן.

איידער זון גייט אויף, דער הימל איבער ירושלים —
א טויב א צעפלאטערטע, אלץ העכער און העכער!
אויף די ווייסע פליגל א שטויבעלע איך האב געזען
א ליכטיקס, א דורכזיכטיקס, אן אויפגעהויבן שטויבעלע
פון דער כותלס קרישלדיקע חורבה־לעכער.

ירושלים

זיבן טויערן האט די שטאט ירושלים,
אבער דורך אן אכטן וועט משיח ערשט קומען;
אן אויפגעבראכענער ר׳וועט מוזן צוערשט זיין,
ירושלים זאל ווערן איינגענומען.

זיבן בערג רינגלען ארום ירושלים
און דער הר־המוריה שטייט פונקט אין מיטן,
אבער ערשט אויף אים וועט משיח זיך אפשטעלן
ווען אין שטאט אריין ער וועט קומען געריטן.

זיבן טייכן פירן קיין ירושלים,
דער אפטער – אונזער פארגאסן בלוט און טרערן!
ווען דעם טייך משיח וועט אריבערשפרייזן,
דעמלט ערשט וועט גאנצע וועלט אויסגעלייזט ווערן.

″....הרים סביב לה″

אז מיט אונזערע פענדלעך פאפירענע
דעם גאנצן ערד־קיילעך ארומגערינגלט,
און מיט קלייניקע שמחת־תורה ליכטלעך
הימלען געצונדן און ארומגעצינגלט,

וועט דאך איבער אונזער לענדעלע קליינעם
/א, ווי צעפיצלט ס׳איז, ווי צעשטיקלט!/
הענגען בלייבן א ליכטיק צעפלאטערטע
אונזער פאן אצינד געוואלטיק צעוויקלט – – –

ס׳גייען די בערג ארום ירושלים
ווי הקפות ארום א שול־בעלעמער,
און גאט אליין אויפן העכסטן שטייט און שרייט:
″צאן קדשים! מיינע הייליקע לעמער!″

שכורלעך־פארשוויגן, האלב־אויסגעניכטערט,
פון פיס געפאלן די טאלן שוין ליגן,
נאר די בערג, – ″ההרים רקדו כאלים″! –
אייביק מיט זייער ששו־ושמחו ניגון.

תל־אביב

מושל־שיסעלעך אזעלכע, פון ים ארויסגעשווענקטע,
בלאנקען די הייזער אין דער פולער זון;
ווי ליידיק צעקלונגען עס איז די שטאט.
נאך וואס נאך די כותל־מערבי, באמת,
אז פאר "הימל־קראצערס" בעטלער מיט צעשט~~ע~~רעקטע הענט.

עס וועלן נאך דא, אין טומל פון די גאסן,
פארוישטע נביאים ווילדע ארומלויפן!
א, די פרייד, אז מיר האבן נאך איצט
א וואנט צו א וואנט צוזאמענשלעפן געקענט,
א דלת־אמות וואו נביאים זאלן געבוירן ווערן.

דגניה

אין אן אלט מעשהלע ווערט דערציילט,
אין א מדבר האט א הייליקער געטרעטן,
זיינען בלומען געוואקסן צו זיינע פיס,
פייגל־חתונות האבן געפלאטערט איבער זיין קאפ,
און פיש האבן זיך פארזאמלט מיט פארגלאצטע אויגן.

איך האב'ס געזען לייבהאפטיק, לעבעדיק,
דאס וואונדער־מעשהלע פאר מיינע אויגן,
זייט ס'איז שטיין געבליבן אזוי ביז היינטיקן טאג
און שטיין וועט עס אזוי אין דער אייביקייט,
זינט באטראטן ס'האט דאס שטיקל ערד א.ד. גארדאן.

הר־תבור

צום בעל, צו אשתורת און צום מולך
די פרוב פון מענטשן־לייבער מ'זאל מקריב זיין,
האב איך פארשטאנען אים דערזעענדיק;
יעדע שרעק ענדיקט זיך אין אים
און יעדע לוסט הערט אין אים אויף.

ווי אן אטעמדיקער געץ געזוואלטיקן!
לינקס און רעכטס קניען פאר אים די בערג
און די טאלן פאר זיינע פיס,
אויף זייערע פנימער ליגן זיי אויסגעצויגן;
איז וואס שוין די געפאלענע פרוכט פון מענטשלעכן לייב?

כאמסין אויפן הר־הכרמל

א! א גאנצע נאכט האט דער כרמל זיך געריסן די האר,
ער וועט נאך בלייבן א פליכעוואטער ווי אלישע,
אויב בני־הנביאים וועלן נישט אויפשטיין ווידער
אויפצוכאפן אליהוס קלייד דאס האריקע - -
ווי עס האט דאס געוויינט א גאנצע נאכט פאר אונזער טיר.

אין דרויסן ווערן קינדער פון בערן צעריסן!
אין שרעק שטרעקן מיר זיך פארשטעקט אויף אונזער געלעגער:
ליידיק וועט אויך בלייבן דער קרוג אין דער אלמנהס הויז - - -
מיינע אויגן זשמורען זיך אזוי שטעכיק
ווי שטאכל־דראט ארום "בית־עולים" הינטערן כרמל־בארג.

צפת

געהערט כ'האב די הענער קרייען אין צפת
און פארשטאנען דעם טייטש פון "הנותן לשכוי בינה";

זעענדיק א שעפס ארויסקוקן פון שטאל
מיט זיינע גרויסן אויגן אין בלויען באגין,
און דעם סוד־הגילגול כ'האב פארשטאנען.

און ווען מ'האט מיך אריינגערופן אין אר"יס שול,
ווייל ס'האט געפעלט א צענטער צום מנין,
האט מיין הארץ זיך א ריס געטון אין מיר –
דער זיך־אויפגעהאנגענער דילה ריינט אויפן שטריק! –
א דבוק האט ער דבקותדיק געצאפלט אין מיר.

"אל מלא רחמים שוכן במרומים"

מיט בלעכענעם קאנסערוון־שאכטל צעקנייטשטן,
פון וועלכן די עשרה־בטלנים צעסליגעטע
האבן מיט פעטע פינגער דאס פלייש אויסגעלעקט,
האט זי זיך אביסל ערד דא צוזאמגעקראצט
לאחר מאה שנים מומיעדיק צו קאנסערווירן.

כ'האב זי אנגעקוקט די "אמעריקאנער ליידי"
און איר "דזשענטלמען" מיטן שנופטיכל אויפן קאפ,
און ווי א פאן פלאטערדיק – אן "עירוב" איבערן זוהר
האב איך מיין טאטנס רויטע פאטשיילע דערזען –
און מיין מאמע אין טערקישן שאל איבערן שטערן.

ארץ קיבוץ־גלויות

גרינג געווען פון דער ערד דא א מענטש צו מאכן,
א ווייב פון א ריפ, פון אייגער פון זיינע זייטן,
און וואו די וועלט נאר אן עק האט – אין אלדי העקד
זייערע קינדער איבער דער וועלט צו צעשפרייטן.

א קונץ־שטיק א שטיק ערד א פעטס, א געקנאטנס,
צערייבן, צעמאלן און אין שטויב צו פארבייטן – –

אבער די שטויבעלעך צוזאמענצוקלייבן
און פון זיי אלע איין שטיקעלע ערד צו מאכן
א שטילס, א רואיקס, א צעבליטס און צעוואקסן,
דאס־א צו מאכן ס'איז נישט פון די גרינגע זאכן.

אז עס וועט אים געלינגען דאס־א צו שאפן,
גאט אליין פאר גרויס פרייד וועט זיך אזש צעלאכן.

אויפן כביש

וויאזוי ער שטייט דא מיט שפאדל אין דער האנט?
וויאזוי איז אברהם פון קאלך־אויוון ארויס?
אז גאט אליין קאן עס זיכער נישט באגרייפן,
איז וויאזוי ער, א פשוטער חלוץ בלויז.

אן אויסגעצויגענע הארמאניקע אויף שנים,
ציט ער מיט שטייפע הענט זיינע דעם כביש דא אויס.

איז עס סמאלע דען אין ברענענדיקן קעסל
און דאס געדויש ־ צעמיש פון זאמד און צעמענט?
אדער שיט זיך נאך אלץ דער ברענענדיקער אש
פון אן אויוון, וואס אונזערע ביינער פארברענט?

עס איז זיין הארץ א צעשפילטע הארמאניקע,
אויסגעצויגענער כביש אין זיינע פעסטע הענט.

כאמסין

זאמד בערג קאן א כאמסין אוועקבלאזן,
אש פון מיליאנען ־ צעפלאשעט ווערן!
אבער נישט א גרעזעלע, וואס ווארצלט
און וויל זיך מיט אלע כוחות דערנערן ־

די שטויבעלעך נאך זיי האלטן צוזאם
און מעג דער שטורעם די וועלט איבערקערן!

א פייער פלאקערט און ברענט זיך דאך אויס,
און די גרעסטע פלאם מוז פארלאשן ווערן,
אבער נישט א פונק, וואס טליעט אין אש,
צו **צלע** גליען עס קאן קיינמאל נישט אויפהערן –

פלאמיקע הערצער, וואס האלטן צוזאם,
דער שטן אליין קאן זיי נישט צעשטערן!

א מאראקאנער ארומטרייבער

פאר א שטיק ברויט וועט ער דאס ווייב זיינס פארקויפן,
און פאר א ווייב דעם אייגענעם ברודער דערשטעכן;
עס פאלדעוועט זיך זיין הויט דיק איבער זיין לייב,
אונטער א שטומפיק מעסער קנאלנדיקע בלעכן.

אבער עפעס אזוינס אינם הארצן טראגט ער,
זיין נשמה דערפאר וועט ער לאזן אויסדעכן.

און אויב מאנכעס שטיק ערד דארט ארום הר־תבור
תאווהדיק פארבענקט איז נאך די אראבער לייבער,
נאך דעם טעמפן דעך, ווען זיי צעיאכמערן זיך,
שלאגנדיק ווארעמע, צעפאלדעוועטע ווייבער –

א פארוואגלטער ״ארמי אובד אבי״
עס איז נאך אזא מאראקאנער ארומטרייבער.

דער טוריסט

אין לייכטן העלן אנצוג, אין פאנאמא־הוט,
די טאפלטע תיר־תלשים אין בוזעם־טאש,
און ווען די קאר שטעלט זיך אין מאה־שערים
איז ווי ר׳וואלט א זופ געטון פון דער וויסקי־פלאש –

ס'מישט זיך אים אין קאפ: אייבראהעם, אייזיק, דזשייקאפ...
און די אויגן פייכטן זיך אים: אויטשיזני גאש!

און וואס מען ווייזט אים נישט אלץ אויפן הר־ציון,
צומאל זיין טאטנס געבליבענע ביסל אש ־ ־
אין קיבוץ, ווען ער קומט צווישן די פועלים,
גיט ער זיי מיט זיין דיקן טשעק־ביכל א סטראש!

און אין בית עולים טאפט ער נערוועז צי ער האט נאך
דעם ענגלישן פאס מיט די וויזעס אין בוזעם־טאש.

דער ״פקיד״

וואס בייכיקער ס'ווערן די זאמל־פושקעס,
אלץ גרעסער ווערט זיין וואקסנדיקער בויך,
און ערשט אצינד פון דער פארגיטיקונג,
במחילה, פונם קרעמאטאריום־רויך.

נישט נאר פון קאנסערוו־פושקעס ־ פון קדושים־אש
א פעט ביינדל אפלעקן מען קאן אויך!

בית־עולים די־פי'ס, מעפילים, חלוצים,
תרבות שקצים! פאר א ווארט, פאר א הויך.
ווארום באמת, אין תוך, ווער זייט איר דען?
פליטים־רעשטלעך פאר קיינעמס מער געברויך.

א פיפס, נאר פונם מויל אן איינציקן הויך,
און גאנצער גלות ־ קרעמאטאריום־רויך ־ ־ ־

די גערעכטע טענה פון א ״העברן״ ישראל־באאמטן

מילא, אז א ישראל־באאמטער נעמט ״חלה״
בלייבט כאטש די מאטניא אין הייליקן לאנד,
בויט זיך נאך א ווילע, לויפט נאך א לוקסוס־קאר;
און איז דאס, חלילה, פאר א מדינה א שאנד,

אז נאך א סאברע פארט אין סארבאנע שטודירן
מיט וואלוטע־דעוויזן, וואס זיינען קוראנט?

יעדעס יינגל ווייסט שוין, ביי יעדן חשבון־צדק
פאלט האלב אין וואסער אריין, האלב נעמט צו די וואנט
און דאס געמלעכע מיט פעקלעך און מיט שוק־השחור:
די נויטיקע קאלאריען בלייבן דאך אין לאנד!...

אבער אז דער אפיל־אפישל אין דער דיאספארע שוין
האט גרויס ווי דאס גלות שוין א לאנגע האנט ־ ־ ־

ארץ־ישראל

שוין ווארצלען מיר דארט מיט אדערן אין די פעלזן,
גאר אין אונזערע הערצער נאך מדבר־שרעק געהיימער;
מיר מוזן בלויז די ערד מיט גרינס ווידער באקליידן,
איר שאנד באדעקן מיט צעבלעטערטע פייגן־ביימער.

פון די העכסטע שטיין־בערג די ווילדע ציגן־סטאדעס
פולן שוין שוימיק־שטראליק ליידיקן "מזל־דלי"־איימער.

און אויף שפיץ בארג אויף העכסטן דער שטאלצער שטיין־באק,
די הימלען צו דערגרייכן פארריסן זיינע הערנער,
די ערד טיף צעאקערט ער מיט די פלינקע שארפן,
צו פארזייען אין איר די געווינטשופלטע קערנער.

און גלייבע פאלמען און צעצווייגטע צעדערביימער
וואקסן שטאלץ אויף פון שטויב פארפלאנטערטע סאברע־דערנער.

דדדדדדדדדדדדדדדדדדדדדדדד

נר־תמיד...

גלות און גאולה זיי הענגען צוזאם,
אין ברענענדיקן ליכט די קנויט מיטן פלאם;

איינס אן דעם אנדערן, צי קאן עס דען זיין,
ווי אן דעם שנויצל־אש דער לייכטנדיקער שיין.

עס פלאמט, עס פלאקערט און מיר אין דעם פארניכט,
פלאטער־פייגעלע ארום ברענענדיק ליכט.

ווילאנג ס'צאנקט נאך און ס'שמעלצט און דער חלב רינט,
קנויטל און פלעמל איין פינקל נאך פארבינדט;
אבער אז דער לעצטער פונק פארלעשט שוין גאנץ
אין פלאקער־צעצאפלטן טויטן־טאנץ – – –

גלות און גאולה זיי הענגען צוזאם
אין ברענענדיקן ליכט קנויט מיטן פלאם.

דאס געשטראל ביים צעפאל און ערשט ווען גאנץ אויס,
ס'איז דער פונק וואס רייסט זיך פונם שטיין ארויס;
און שנייץ־אש וואס הענגט פון פייערל אראפ –
דער שלייער וואס דעקט א ליכטיק פנים אפ.

גלות און גאולה זיי הענגען צוזאם,
אין ברענענדיקן ליכט די קנויט מיטן פלאם.

ששששששששששששששששש

הושע

נישט קיין ארט מער צווישן מענטשן ער געפינט,
נאר בייזקייט און ליגנס לייענט ער פון יעדן אויג,
דער קלאנג פון זייער ווארט געשפאלטן און הויל,
חניפה און כיטרע יעדער הכנעה־פארבויג.

ס'איז די גאנצע שטאט איין סארפנדיקע קייט
פון גנבה, גזלה, שקר און אומרעכט;
מיט כוח גייט דער שטארקער, מיט פאלש דער שוואכער,
און ס'איז דער כהן פונם קעניג דער לייב־קנעכט.

אויף אויסגעלאסענע פיס שטייט גאנצע שטאט!
א באהאלטענער בית־זונות ס'איז יעדעס הויז!
און אין בית־המקדש קומט מען זיך באווייזן
וועמעס זונה אויסגעציטערטער, בעסער זעט אויס.

זאט איז די שטאט, א גאלד־געגאסענער געץ!
און דער נביא ווי מיט ביינדלעך שפילט זיך מיט ריידן!
נישט קיין רז דא ער וועט שוין געפינען מער,
אפ רייסט זיך זיין הארץ ווי פון סארפנדיקער קייט.

און ווען פון שטאט ארויס אן אנטלאפענער –
א משוגענער הונט צו פארקריכן זיך אין א הייל –
נישט גאטס ווערטער שפירט ער טריפן פון זיין מויל,
עס סליגען זיינע לעפצן מיט גיפטיק געהייל.

תאווהדיק וואסערט זיין מויל בלוטיקע רייד,
שארפע מעסער־שפיצן בליצן זיי פון זיין בליק,
א פארביטערטער פארבייסט ער די ליפן
דעם גיפט אין בלוט אריין צו שפריצן זיך צוריק.

* * *

„איך וועל דיך פארקנסן צו מיר אויף אייביק,
איך וועל דיך פארקנסן צו מיר מיט רעכט און גנאד,
און ווי גאט האט ליב די קינדער פון ישראל,
וועל איך דורך דיר ליב קריגן דעם מענטש און די שטאט.

„אויף דיינע ליפן וועל איך וועגן דאס ווארט,
אין דיין לייב וועט לעבעדיק ווערן מיין געפיל,
און אויף וויפל דער מענטש קאן עס דערטראגן,
מיט לייב און לעבן דערפאר צו ראנגלען – מיין ציל.

״א, ס'קאן אויך גערעכטיקייט ווערן א געץ,
א בעל־תאווה רוצח ווער עס דינט דערצו!
יא, נישט בעסער מיר קאנען מאכן די וועלט,
אבער הייליק פראסט ווערן ווי דאס פאלק, ווי דו.

״זע, ווי א קינד אונטער לעפעלע פון הארץ
צעוואקסט א ווארט אין מיר, ווערט לעבעדיק און גרויס –

— —

א פולער בעכער האט לבנה געהאנגען
ווען די לעצטע פון ווייז־הויז זיי זיינען ארויס.

אנגעגאסענע מיט ליבשאפט און מיט פרייד,
ווינקען די שטערן מיט גין־גאלד צעבלינקטן ווינק;
האלט א פרוי אים ן'ארעם אדער א מלאך?
באפליגלט, צי בארוישט, טרעט זיין שריט אזוי גרינג?

אין טינל־שלייערס זיידענע, ליכטיק־בלויע,
אן איינגעהילטע כלה שטייט שטיל די שטאט,
און זיין הארץ צו איר אן איבערגייענדיקס
פול מיט רחמים, מיט דערבארמונג און מיט גענאד.

יהודית /באלאדע/

1

שוין גרייטן זיך אלע צום אונטערגעבן,
דער מיט פארראט און דער מיט אייגן לעבן;
הינטערן רוקן עס הערט שוין איעדער
דאס שפאט־געלעכטער פון בלוטיקן שונא,
ווי פון זיין רייטוואגן די שווערע רעדער.

קניענדיק איבער די אייגענע שפיזן,
פאלן פארבלוטיקטע די שטארקסטע ריזן!

פול איז די שטאט מיט טויט און מיט אימה — —
נאר צווישן הונגער און דורשט פארחלומטע
שארן זיך פוס־טריט וואונדערלעך געהיימע.

א משוגענע, אייגן קינד אויפגעגעסן,
איז זי איצט פון בייזע רוחות באזעסן?
ווי פייערדיק עס פינקלען אירע אויגן —
פארגיפטיקטע פיילן, שארפע, געשפיצטע,
אין ציל־פונקט געשליידערט פון א בויגן.

ווי שטאלץ זי גייט, ווי געשפאנט אנגעצויגן,
אן אדער שטייף איבער א פילנבויגן,
א סטראיענדיקע סטרונע איבער א הארפע
צו שוועבנדיקן טאנץ צו געהויבענעם
איבער שליפן פון שווערדן בלאנקע, שארפע.

נישט זי גייט — אירע טריט צעוויגט, צעטאנצטע!
שווערד־קלינגען געשליפענע, צעגלאנצטע,
בלאנקען אירע פערשט אין בלוטיקן דעמער — —
יא, זי וועט זינגען מיט איר צעזינגטן גאנג:
די זון גייט אקייגן א פולער עמער —

זון פארגייט אבער ווידער וועט זי שיינען!
א, מיינע אויגן פולע מיט געוויינען
ווי זיי ליכטיקן, ווי זוניק זיי גלאנצן — —
גאט, אז געאייביקט דיין נאמען זאל בלייבן,
נישט פארטיליקן אונז קענסטו אינגאנצן.

גאט, ביסטו נישט די זון און מיר דיין שאטן,
דערפאר פון אלע אויף דער ערד געטראטן?
ווי עס טאנצן מיינע פיס דיר אנטקייגן:
אז אייביק פארווארצלט ס'זאל בלייבן דער בוים,
מוזן וועלק־בלעטער פאלן פון די צווייגן – –

א, מיין הארץ פול מיט צוקנדיקע בליצן,
מיט לעצטן טאנץ פון "כלו כל הקיצין"!
א וועלק־בלעטל פון ווירבלווינט פארטראגן,
טאנץ איך איבער צעשטויבטן אונזער לעבן – –
זע, מיינע ליפן זאפטיקן מיט זאגן:

"דאס פאלק – אבער נישט גאט קאן מען באזיגן!
א קינד אין טראכט אין מיין לייב כ'טו אים וויגן;
קאן ווער אין הארץ די ליבשאפט פארטיליקן?
האלאפערנעס, גאטס בלוטיקע שווערד דו ביסט,
די קלינג בלויז, זיין ווילן צו באוויליקן.

"נישט זעאונגען, נישט שטראפרייד, נישט ווארזאגן,
מיט מיין בויך־טאנץ האב איך גאט אויסגעטראגן!
א נביאהטע איך בין, האלאפערנעס,
ווי ווערטער רייסן זיך פון מיר שווערדן־טענץ,
מיט מיינע שריט צו דיר כ'בין געווארן עס – – –"

2

אין זייער פארצווייפלונג, אין זייער טרויער,
דעם שאטן ארויסשלייכן פונם טויער,
האבן נישט געזען די יידישע וועכטער,
און נישט די שונאים די זיג־צעטומלטע,
וואקלדיקע פון שכרות און געלעכטער.

אין פאלדן פון נאכט א צעטאנצטן שאטן
איז גארנישט פארווערט און גארנישט פארבאטן.
ער שוועבט פארביי נאכגלאצנדיקע בליקן,
זיך וויגנדיק אויף פליגל פון געזאנגען,
לייכט באגלייטנדיק פון לויטער אנטציקן.

ס'ציטערט אין איר יעדער ריר, יעדע תנועה —
מיט אזא טאנץ האט מרים הנביאה
די גאנצע אומה מיט זיך מיטגעריסן!
ווי אומענדלעך ס'שטרעקן זיך אירע גלידער —
האט זיך נישט גאט צו איר אצינד באוויזן?

און אזוי ביז האלאפערנעס געצעלטן
פארן אריינגאנג דעם פא~~ל~~קל צעהעלטן,
מיט א "פאזע" איז זי שטיין געבליבן — — —
און ער אויף געלעגער שוין איינשלאפנדיק
האט ווי א טרוים פון אויג זיך אויסגעריבן,

און מיט אפענעם בליק ווייטער געשלאפן:
פון א שייד ארויס וואו עס שטייט זיין וואפן
זי ציט אים ארויס צום טאנץ פון די שווערדן — —
ווי וואליק־ווייך וואקלט שוועב פון איר לייב,
איר שריט — א כלה וואס גייט צום באשערטן —

— —

און ווען זיין קאפ אן אפגעהאקטן, קאלטן,
אין אירע הענט זי האט אים שוין געהאלטן,
האט האלאפערנעס בליק פארחלומט־אפן
געקוקט אלץ אויף איר מיט זיסן אנטציקן:
אזא שיינקייט האט ווער ווען שוין געטראפן?

אירע אויגן בצצטע באחנטע, ווילד צעשיינטע,
מיט גאטס בלאנקער שווערד א בלוטיק־פאריינטע!
און ווי מיט א טענצער ארומגענומען
זיין קאפ אויף אקסל פארחלומט צעשמייכלט,
א צעזינגטע אין שטאט אצצצ צוריקגעקומען:

"נישט גוט געהיטן די טויערן, איר וועכטער,
ווען יהודית, איינע פון איי׳רע טעכטער,
ארויס איז איר געליבטן אויפצוזוכן — — —
כ׳האב אים געפונען דעם, וואס מיין הארץ האט ליב!
א, שטארק ווי די ליבע איז דער נצחון — — —

"א מאמע, וואס האט איר קינד אויפגעגעסן,
בין איך איצט פון בייזע רוחות באזעסן"!
און ווען גאנצע שטאט אן אויפגעציטערטע
פון נצחון־פרייד און טאנץ־קאראהאדן,
שעפטשען שטיל אירע ליפן פארביטערטע:

"נישט א נביאהטע כ׳בין, האלאפערנעס,
נישט יעל צצ — דבורה איז געווארן עס!
נישט גאטס בליק — דיינע פארחלומטע אויגן
וועלן אייביק איבער מיר בלייבן אפן
ווי איך — איבער דיין קאפ בלוטיק געבויגן".

עעעעעעעעעעעעעעע

דער לאנדאנער בעל־שם

בלחש זיך איבערגעקוקט האט די גאנצע מזרח־וואנט
ווען אין זיין הולך אזוי ער איז אריינגעקומען;
יעדער ציילט אפ שוין זיין ביסל וועסטל־טעשל מזומן,
דערשראקן אים צו דערלאנגען מיט אויסגעשטרעקטער האנט.

ווי ער שפאנט דאס אזוי פרעמד און געגענט אזוי באקאנט,
א קללה אדער א ברכה זיין זינגענדיק ברומען,
פון איין בליק פון זיין אויג מען ווערט געהיילט און באנומען;
געקומען זיי נאכגעשוואומען אויף אהער דא אין לאנד?

דעם בציבור־בליק דערזען, ביי דער טיר געבליבן שטיין,
העכער אונטערגעזונגען זיין ברומענדיקן ניגון,
געווארט ביז "עלינו", ביי "המונם" אויסגעשפיגן,

נאכגעזאגט לעצטן "אמן" און שנעל געוואלט ארויסגיין.
מיט גרויס כבוד איז דער חכם צו אים צוגעגאנגען –
צום "רעמבראנד", געזען אין קעניגס פאלאץ אויפגעהאנגען.

?? ?? ??

דער חכם רעדט צו אים מיט פסוקים פון חומש,
ער טוט זיך זיי אויף יידיש־טייטש פארטייטשן;
ווער ברויך ווערטער, אז מ'קאן מיט די אויגן ריידן,
ענטפערן מיט תנועות – מיט טויזנט קנייטשן:

"כבוד מלכותו, ירום הודו, מלך חסד,
קהילה קדושה מתפלל בציבור,
שררות שונא־ישראל – – "ער לאזט נישט ענדיקן:
"גם זה יעבור, אלץ [illegible] בשלום אריבער".

אויף זיין פארבונדן טארבעלע ער ווייזט אים אן,
אלצדינג וואס מען ברויכט האט ער דארטן ליגן:
קמיעות מכל המינים, שיר־המעלותלעך,
וואלף־ציינדלעך קראנקע קינדער צו פארוויגן.

פלוצלינג כאפט ער ארויס פליצערן־קרייטעכצער
און מאכט מיטן חכם "בורא מיני בשמים" – –
יעדעס גרעזל האט זיין סגולה און דאס־א,
בדוק ומנוסא פאר אריכת ימים.

"והריחו ביראת השם", שעפטשעט ער,
"געקומען טאקע קראנקן קינג קורירן;
זרייזין מקדימים, אייליק, סכנת־נפשות,
תיכף צום מלך־פאלאץ אהינפירן".

דער ע חכם קוקט אים אן: כשוף, מעשה שטאץ שטן?
אזא לייכטקייט אין די אברים ער נעמט שפירן,
ס'לויכט אויף זיין פארנעפלטער מרה־שחורה בליק,
פריש אזוי אין זיין פארמאטערט געהירן –

אפן שטייען די "שערי שמים"־טירן,
די גאנצע מזרח־וואנט ארויסגעקומען,
קוקן דערשראקן: ווי אויסטערליש דאס שמועסן,
אהין גאר צום "טאוער" שפרייזן גענומען?

שא, ס'קלינגען די גלאקן, ס'בלעקעצן די נאנעס,
אין פולע קירכעס פרעדיקן מאנאכן,
דאס פעבל אין גאס קרוע בלוע, טויט־שיכור,
חלילה, דער מלך חסד ס'אויג צומאכן – –

דעמלט ראדעריגא לאפעץ א געקעפטער
און אצינד – – שא, טוישן זיך די לייב־וואכן?
ס'שרעקן די פויקן, פול געפאר די פאנפארן;
הארך, דאס האפערדיקע קאנאנען־קראכן –

זיים דעמלט מער חתונות, ווייניקער גטן –
אויפן פארמעט "שיר־מעלותן" געשריבן;
אז צומאל אזעלכע שפרוכן האט ער געוואוסט,
מאן זאל פארהאסט ווייב נעמען צוריק ליבן.

און אין אן ארעם געסל דארט ביי דער טעמזע,
פאר א הייזקע דלת על דלת קוים איילן,
זעט מען, נישט נאר קראנקע קומען נאך קמיעות,
נאך קרייטעכצער, נאך וואסערלעך וואס היילן,

כל המינים "ליידיס" אין זיידנס געקליידטע
פון פארמאכטע קאטשן ארויס מ'זעט אלצבע איילן – –
ראפטום עפנט זיך ס'פענסטער אויף, ער קוקט ארויס
און נעמט וואונדערלעך א מעשה דערציילן.

מ'קוקט אויף זיין האנט־פאוועג, פון זיין מויל איין ווארט בלויז
א רויז פון בלעטלעך מען זעט ארויסשיילן.
די "ליידיס" נעמען ווארפן זשמעניעס מיט זילבער,
ווייבער מיט לעצטן רעפטל ברויט זיך טיילן.

און איינמאל ער דערזען האט דעם חכם דרויסן,
ווי ר'איז צווישן המון פארקליידט געשטאנען,
אין מיטן דערציילן ס'פענסטער איילינק פארהאקט,
מיט גרויס כבוד צו אים ארויסגעגאנען.

ר'האט דעם צווייטן אויך דערקענט, דער קעניג געווען,
א וואונק געגעבן אים, נישט אויסצוגעבן!
אצצאצאצאצצע ער האט זיך טיף פארבויגן, כבוד המלך,
מיטן חכם גיך אריין - טיר דערנעבן.

זיי האבן זיך מיט גרויס פרייד אנגעקוקט ביידע,
אן א פסוק שוין צומאל זיך פארשטאנען;
דער איינער אויף די שיטערס, דער צווייטער ביי "כמל",
ברענענדיק טיף דערפילט, אז גאט איז פאראנען.

און אויב מ'ווייסט דאס, וואס נאך ברויך מען צו וויסן?
ווען זיי האבן גענוג לאנג שוין געשוויגן,
האט דער חכם מיט אויגן ליכטיק געבעטן,
און דער בעל־שם אונטערגעברומט זיין ניגון:

"איר זענט געגאנגען ביז דא, א גרויסער מהלך,
מיר אבער מוז קענען גיין נאך ווייטער -
ס'איז נאך פאראנען טיפערס פון "מורה נבוכים",
און אסך שרעקלעכערס פון "כמל" און שייטער.

"עס גייט נישט נאר בלויז אין דעם־א, צי גאט קאן יא
צי נישט באשאפן א יש מן האין -
אז דער מענטש וועט צוקומען צו ביטול היש,
דעמלט ערשט וועט נישט זיין מערער קיין קין -"

ווען דער חכם איז צוריק ארויסגעקומען,
דער קעניג שוין געווען אהיימגעגאנגען,
און געשטאנען אויף די קני דארט פארן רעמבראנד
אין זיין פאלאץ אין גין־גאלד רעם געהאנגען.

!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!